# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Far folķ un heymland


**Markiš, Perec D.**
**מארקיש, פערעץ**



**Mosķṿe, 1943**


פרילינג פון באַפרייונג


**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230**



Visual Library

איז געמאָלדן די קאָמיסיע האָט פון זיך
פאר די פיר פארזאָרגטע ברידער דעמלט:
אז דאָס לאנד, וואָס האָט אזעלכע טרײַע זין,
זאָרגן וועט אליין פאר זייער אלטער מאמע!

———— ★✦★ ————

## פרילינג פון באפרײַונג

— געשווינדער, פייגל! שטעלט אינערגעץ זיך ניט אָפּ!
שוין אין דער הייך זיך אופגעהויבן האָט די זון דאָ.
עסווארפט די ערד דעם שניי פון זיך אראָפּ,
פונקט ווי באנדאזשן פון פארהאמעוועטע וווּנדן.

זי איז צעגראָבן ווי פון פאָקן און באשײַנט
פון פלאם און סרייפעס און צעוויכערטע קאנאָנען,
ווו נאָר אדורכגעגאנגען אפ אומגליק איז דער פײַנט,
ווו נאָר געטראָטן ס׳האָבן דײַטשישע טאליאָנים.

— פארהאלט ניט, שטראָמען, זיך אינערגעץ אפן וועג,
די פעלדער הײַעט ניט צעשווענקען און צעוואשן.
בא יעדן בוים, בא יעדן וואלגערשטיין זיך פרעגט,
זיי וועלן אָנווײַזן אײַך גאסטפרײַנטלעך און ראשיק:

די וועגן ווארגן זיך מיט בראָכווארגדיקע בערג,
איבערגעלאָדענע אפ מײַרעוו-זײַט זיי פירן;
פארוואָרפן זײַנען זיי מיט דײַטשישן געווער,
פארמיסטיקט זײַנען זיי מיט דײַטשישע פעגאָרים.

— ניט זאמט זיך, ווינטן! איבער וועלדער זיך צעווארפט!
דער פרילינג גרײַפט, א צעפאלאָכעטער אינדרײַען;
ניט נאָר קיין בליונג איצטער ברענגען ער באדארף,
אין זײַנע טריט הערט זיך ניצאָכן און באפרײַונג

פאר אויסגעפײַניקטע אין קלעם אונטערן יאָך,
וואָס קוקן שטיל ארויס אפ אים דורך אלע וועגן;
—עפנט זיך אופ מיט אײַער צויבער און פארשפראָך,
און מיט געזאנג באגריסט אים און באגעגנט.

שוין אומעטום ער איז, אין יעדן הויפן ערד,
ווו ווייץ ווו גאָלדענער און שמעקנדיקער קאָרן

וועט פאר דעם פײַנט זײַנ א פארניכטנדיקע שווערד,
אונ פאר דעם היימלאנד — א געפאנצער פונ קאיאָרנ.

אינ יעדנ האָרנ אונ אינ יעדער שמידערײַ,
ווו ס'שמידט זיך טרײַ אונ האָפערדיק ס'געווער דאָרט,
ווו ס'שמעלצט אָנ אופהער פארנ סוינע זיך דאָס בלײַ,
ווו ס'גיסנ קנאָספנ אָנ אפביימער זיך אינ גערטנער,

אינ יעדנ אופגעוועקטנ שטראל — ער איז שוינ נאָנט.
אינ יעדנ אָפגענומענ דערפעלע — שוינ איז ער;
אינ גרינער כאקי טוענ וועלדער זיך שוינ אָנ —
אפ שטורעמ גרייטע — רויטארמייִשע דיוויזיעס!

אינ יעדנ טראָט, אינ יעדנ קער פונ פארטיזאנ,
אינ יעדנ אופרײַס פונ נעקאָמע פונ צעשטראלטער, —
געשווינדער, פייגל! אפנ וועג זיך איצט ניט זאמט,
אינערגעצ דרישיקע זיך, שטראָמענ, ניט פארהאלט דאָרט!

ס'האָט אויך דער מײַסטער ניט פארשפעטיקט צומ ווארשטאט,
די ערד פארשפראָכנ האָט דער פויער מיטנ קערנ —
דער פרילינג גייט ווי אפ מילכאָמע א סאָלדאט,
ס'בלענדט אפ זײַנ קאָפּ א רויטארמייִשער שטערנ!

ער טראָגט די שווערד די זיגרײַכע פונ פרײַהײַט,
ער טראָגט פארניכט דעמ פײַנט אפ אלע וועגנ.
— גייט אימ אנטקעגנ! ס'וועט באצייכענענ די צײַט
מיט אימ די לעצטע אונ אנטשיידנדע געשלעגנ.

——— ★✦★ ———

# א שוווע פונ פרילינג

אינ פאנצער גאָלדענעמ פונ מײַיקנ באגינענ,
מיט שארפער שײַנ, געשליפנ ווי א שווערד,
גיט אפנ רויטנ פלאצ א שוווע הײַנט דער פרילינג
דער אויסגעפײַניקטער אונ טרויעריקער ערד,

די אָפגעברענטע דערפער די פארלאָזטע,
די גערטנער די דערשלאָגענע, די אָפגעצערטע שטעט,